די שוועדישע נאציאנאלע קאונסיל צו פארמיידן פארברעכנס (Brottsförebyggande rådet, Brå), איז א רעגירונגס אגענטור וועלכע ארבעט צו רעדוצירן פארברעכנס צווישן די געזעלשאפט.
Brå העלפט ארויס ארגאניזאציעס אזויווי די פאליציי, די פראקוראר סערוויס, די געריכטן און די טורמע און פראבעישאן סערוויס, דורך אויסגעפינען וויפיל צוטרוי די מענטשן האבן אין זיי, און באשטימען וועלכע מעטאדן שטעלן זיך ארויס ארבייטן אמבעסטן. מיר העלפן אויך פאר לאקאלע פארברעכנס פארמיידונג ארבייט.
Brå איז פאראנטווארטליך פאר שוועדן'ס אפיציעלע פארברעכנס סטאטיסטיקס, אריינרעכנ'דיג וויפיל פון די פארברעכנס זענען באריכטעט געווארן דעם פארגאנגענעם יאר.

**פארבינדט זיך מיט Brå:**

אדרעס: Brottsförebyggande rådet, Box 1386, 111 93 Stockholm.
באזוכן אדרעס: Tegnergatan 23, 2 tr.
טעלעפאן סוויטשבאורד: 08-401 87 00
פאקס: 08-411 90 75
אימעיל: info@bra.se
www.bra.se

**דער געריכטליכער סיסטעם:**

Brå איז א טייל פון דעם געריכטליכן סיסטעם וואס באשטייט פון עטליכע אגענטורן וועלכע ארבעטן פאר אייער זיכערהייטס און סעקיוריטי. דאס מיינט פארמיידונג און אויספארשן די פארברעכן, פראצעסירן פארברעכער אין געריכט, פארזיכערן אז די אורטיילן ווערן דורכגעפירט, און באשיצן אויף די רעכטן פון פארברעכנס באטראפענע.
דער טערמין 'דשודישל סיסטעם' מיינט די פאליציי (Polisen) , די אפיס פון פאבליק פראקוראר (Åklagarmyndigheten), נאציאנאלער פאראיין פון פארענזיק מעדעצין (Rättsmedicinalverket) , נאציאנעלע עקאנאמישע פארברעכנס ביורא (Ekobrottsmyndigheten), טורמע און פראבעישאן סערוויס (Kriminalvården), שוועדישע געריכטן (Sveriges Domstolar), נאציאנאלע קאונסיל צו פארמיידן פארברעכן (Brottsförebyggande rådet, Brå), קאמפענסאציע פאר באטראפענע פון פארברעכנס און שטיצע אויטאריטעט (Brottsoffermyndighten) , די יוסטיץ מיניסטעריום (Justitiedepartementet) איז פאראנטווארטליך פאר געריכטליכע סיסטעם אגענטורן.

**זענט איר געווען א באטראפענע פון א פארברעך?**

אויב איר זענט געווען א באטראפענער פון פארברעכנס, דאן מעלדט זאפארט איין די פאליציי אין אייער קאונטי וואו די פארברעך איז פארגעקומען.

אויב דער פארברעך פאסירט יעצט, קלינגט 112.
אויב נישט, רופט 11414 אדער באזוכט אייער נאענטסטע פאליציי סטאנציע.